# קאנאביס אין NYC: וואס איז לעגאל?

**קאנאביס (מאריכואנא) איז לעגאל פאר באנוץ פון ערוואקסענע אין ניו יארק סטעיט (New York State, NYS).**



**3 oz** **24 g**

ערוואקסענע פון 21 יאר און עלטער מעגן האבן און מיטטיילן מיט אנדערע (אבער נישט פארקויפן) ביז אזויפיל ווי 3 אונץ פון קאנאביס בלום אדער 'באַד', אדער ביז אזויפיל ווי 24 גראם פון קאנצענטרירטע קאנאביס ווי אויל אדער 'וועיפס'.




ערוואקסענע פון 21 יאר און עלטער מעגן רויכערן אדער 'וועיפען' קאנאביס אין רוב פלעצער וואו רויכערן געווענטליכע טאבאקא ציגארעטלעך איז ערלויבט.



ניו יארק'ס מעדיצינישע קאנאביס פראגראם איז פארברייטערט געווארן. פאר אינפארמאציע איבער די ענדערונגען, באזוכט **cannabis.ny.gov/medical-cannabis.**




פארקויפן קאנאביס איז ערלויבט נאר ביי NYS-לייסענסירטע געשעפטן. פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער לעגאל איינקויפן קאנאביס, אריינרעכענענדיג לאקאציעס פון געשעפטן, באזוכט **cannabis.ny.gov/adult-use.**

## ווער קען לעגאל האבן קאנאביס, און וויפיל קענען זיי האבן?

- ערוואקסענע פון 21 יאר און עלטער מעגן האבן ביז אזויפיל ווי 3 אונץ פון קאנאביס בלום אדער 'באַד', אדער ביז אזויפיל ווי 24 גראם פון קאנצענטרירטע קאנאביס (ווי אויל אדער 'וועיפס').
- עס איז אומלעגאל פאר סיי וועם אונטער 21 יאר אלט צו האבן, נוצן אדער מיטטיילן קאנאביס.

## צו קענען מענטשן מיטטיילן, פארקויפן אדער האנדלען מיט קאנאביס?

- ערוואקסענע פון 21 יאר און עלטער קענען מיטטיילן ביז אזויפיל ווי 3 אונץ פון קאנאביס בלום אדער ביז אזויפיל ווי 24 גראם פון קאנצענטרירטע קאנאביס מיט אנדערע ערוואקסענע פון 21 יאר און עלטער פאר זייער פערזענליכע באנוץ.
- עס איז אומלעגאל פאר סיי וועם צו:
  - האבן אדער מיטטיילן מער פון 3 אונץ קאנאביס בלומען אדער 24 גראם קאנצענטרירטע קאנאביס
  - פארקויפן אדער האנדלען מיט סיי וועלכע מאס פון קאנאביס
  - גיבן אדער פארקויפן סיי וועלכע מאס פון קאנאביס פאר מענטשן יונגער פון 21 יאר

## איז עס לעגאל צו דרייווען נאכן נוצן קאנאביס אדער צו נוצן קאנאביס אין א קאר?



- ניין. עס איז אומלעגאל צו דרייווען בשעת'ן זיין אונטער די איינפלוס פון קאנאביס.
- עס איז אויך אומלעגאל צו נוצן קאנאביס אין א קאר, אפילו פאר א פאסאנזשיר וואס דרייווט נישט אדער ווען די קאר איז פארקירט.

## וואו איז רויכערן אדער 'וועיפען' קאנאביס נישט ערלויבט אין ניו יארק?

- רויכערן אדער 'וועיפען' קאנאביס איז נישט ערלויבט אין די פאלגנדע לאקאציעס:



- ☐ פובליק פלעצער פון געביידעס
- ☐ פארקס
- ☐ אויפן וואסער בארטן און באורדוואָלקס
- ☐ פובליק גאלף קורסעס
- ☐ אינעווייניג אין און אויף די שטחים פון ספארט סטאדיומס
- ☐ פיסגייער פלאזאס
- ☐ פובליק גערטנער
- ☐ רעסטוראנטן
- ☐ באַרס
- ☐ קארן און טראקס א.א.וו. (אפילו ווען עס איז פארקירט)
- ☐ סקולס

- אונטער דעם פעדעראלן געזעץ אז דאס נאכאלץ אומלעגאל צו האבן אדער נוצן קאנאביס אין סיי וועלכע פארעם אויף פעדעראלע לענדער. דער NYS געזעץ וואס איז ערקלערט אויף די אינפארמאציע בלאט גייט נישט אן אויף לענדער וואס באלאנגען פאר די פעדעראלע רעגירונג. פאר מער אינפארמאציע איבער דעם פעדעראלן געזעץ, באזוכט **fda.gov** און זוכט **"cannabis regulation"** (קאנאביס רעגולאציע).



- טייל פריוואטע געביידעס פארבאטן צו רויכערן און 'וועיפן' אין אפארטמענטס. כאטש פראפערטי אייגנטומער קענען פארבאטן צו רויכערן און 'וועיפן' קאנאביס אין זייער געביידע, דאך קענען זיי נישט פארבאטן די באנוץ פון עסבארע קאנאביס פראדוקטן ('עדיבלס') אדער צו האבן א לעגאלע מאס פון קאנאביס אין אייער היים.
- NYCHA האוזינג דעוועלאפמענטס האבן רויער-פרייע פאליסיס וואס פארבאטן צו רויכערן און 'וועיפן' טאבאקא און קאנאביס אויף די פראפערטי. פובליק האוזינג וואס איז טייל פון א פעדעראלער פראגראם איז אונטערגעבויגן צו דעם פעדעראלן געזעץ וואס פארבאט צו האבן און נוצן קאנאביס און קאנאביס פראדוקטן.

## וואו קען איך טרעפן מער אינפארמאציע?

פאר מער אינפארמאציע איבער דעם געזעץ און איבער שטראפן פאר פארלעצונגען, באזוכט **cannabis.ny.gov/adult-use** און דרוקט אויף די **"Penal Law Fact Sheet"** (שטראף געזעץ אינפארמאציע בלאט).

## וויאזוי ווייס איך אויב א קאנאביס פראדוקט אדער א געשעפט וואס פארקויפט עס איז לעגאל?

- לייסענסירטע געשעפטן און פראדוקטן וועלן באצייכנט ווערן מיט א פעסטשטעלונג סימבאל. לייסענסירטע פראדוקטן גייען אריבער טעסטס און קומען נאך די זיכערהייט סטאנדארטן וועלכע זענען אוועקגעשטעלט געווארן דורך די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג (Office of Cannabis Management, OCM). אויב האט איר פראגן אדער זארגן איבער די זיכערהייט פון א פראדוקט, די לעיבעלס, געזונטהייט השפעות פון א פראדוקט, אומלייסענסירטע געשעפטן אדער פארקויפונגען אדער אומאויטאריזירטע באנוץ, באזוכט **cannabis.ny.gov/report-an-incident**.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/health/cannabis**.